# דאס איז דער אפיס פון דעם קאנצלער פון די אוניווערזיטעטן

די אויפגאבע פון דער אפיס פון דעם קאנצלער פון די אוניווערזיטעטן **(UKÄ)** איז שטארקער צו מאכן די שוועדישע אקאדעמישע ערציאונג. אונזער ארבייט דעקט דריי הויפט אנגעלעגנהייטן:

### פארזיכערן די קוואליטעט פון הויכע ערציאונג

מיר שאצן אפ ערציאונג פראגראמען וועלכע שענקען דיגרי'ס, צו פארזיכערן אז זיי טוען צופרידן שטעלן די אקאדעמישע ערציאונג פאדערונגען. די UKÄ טוט אויך באשליסן איבער אפליקאציעס וואס מיר באקומען פון קאלעדזשעס און אוניווערזיטעטן.

### באאבאכטונגען און סטאטיסטיקס

מיר זענען פאראנטווארטליך פאר די אפיציעלע סטאטיסטיקס פאר דעם אקאדעמישן סעקטאר, אריין גערעכנט דאס זאמלען, פראצעסירונג און די אנאליזירונג פון אינפארמאציע פון דעם סעקטאר. מיר באאבאכטן אנטוויקלונגען אין אקאדעמישע ערציאונג, און אנאליזירן און האלטן מיט מיט די פארוואלטונג פון קאלעדזשעס און אוניווערזיטעטן.

### געשיקטקייט איבערזיכט

מיר טוען אויך אונטערזוכן ווי געשיקט קאלעדזשעס און אוניווערזיטעטן באנוצן זייערע מיטלען.

### סטודענטן געזעץ און אונטערזוכונג

כדי צו באשיצן די רעכטן פון סטודענטן, טוען מיר אויך עקזאמינירן וויאזוי קאלעדזשעס און אוניווערזיטעטן פירן דורך געזעצן און רעגולאציעס. מיר טוען אונטערזוכן קאלעדזשעס און אוניווערזיטעטן אויף אונזער אייגענע איניציאטיוו וויאויך נאך קלאגעס פון אינדיווידועלע מענטשן.

די UKÄ טוט אויך צו שטעלן אפיס סערוויסעס פאר די אקאדעמישע באזייטיגונג באורד (HAN), און די אקאדעמישע אפעלאט באורד (ÖNH). די אקאדעמישע באזייטיגונג באורד באשליסט פעלער וואו סטודענטן ווערן באזייטיגט פון אקאדעמישע ערציאונג. די אקאדעמישע אפעלאט באורד באשליסט אפעלאטן פון באשלוסן וואס זענען געמאכט געווארן אין דעם אקאדעמישן סעקטאר, וויאויך אלס די פראפעסיאנאלע קאלעדזש סעקטאר.

### ארגאניזאציע

דער קאנצלער פון די אוניווערזיטעטן איז דער הויפט פון דעם אפיס פון דעם קאנצלער פון די אוניווערזיטעטן. מיר זענען ארום 90 ארבייטער, ארגאניזירט אין דריי פארוואלטונג אפטיילונגען, איין אדמיניסטראטיווע און איי.טי. דעפארטמענט, און א קאמוניקאציע סעקרעטעריאט.

### פארבינדט זיך מיט אונז

| | |
|---|---|
| טעלעפאן | 08-563 085 00 |
| פאסט אדרעסע: | Box 7703, 103 95 Stockholm |
| גאס אדרעסע: | Löjtnantsgatan 21 |
| אי-מעיל: | registrator@uka.se |

פארבינדונגס אינפארמאציע פאר אלע פון אונזערע ארבייטער קען מען געפינען ביי: www.uka.se